# פרשת ויגש כ"ט כסלו – ה' טבת תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויגש***

בשעות הבוקר הגיע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בניו יארק, בחזרה משהותו בארה"ק.

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו

בשעות הערב (ליל ו' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בקושית **הבית יוסף** ותירוציו בנס חנוכה שקבעוה לח' ימים, ודברי הגמרא (שבת כג.) ונימעוט נס, נס כל יומא איתיה.

והמשיך בדברי אגדה על מה שנעשה הנס בהדלקת הנרות דייקא, שזה היתה השלמה להשראת השכינה בתחתונים, שיום כ"ה כסלו היתה מיועדת לזה מחנוכת המשכן. ובענין מה שלקחו אש מן המזבח, ששורשו אש מן השמים שאינה מכלה, ולכן נשארו הנרות דולקות לשמונת ימים.

*

***יום שני פרשת ויגש***

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג – בארא פארק – מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד, וכיבד את הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א מנהל הת"ת בבארא פארק לישא מדברותיו. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסען די חשובע קינדער פון די תלמוד תורה, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבת חנוכה. מען האט פריער געהערט די חשיבות פון די ימי חנוכה, די ליכטיגע טעג, ימי אורה פון חנוכה, וואס פון יעדע מצוה דארף זיך א יוד אראפלערנען א געוויסע דרך וואס איז נוגע צו זיין טאג טעגליכע לעבן אין עבודת ה'.

**אויף** יעדע מצוה איז דא שכר. דער שכר איז טאקע נישט אויף די וועלט, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין לט:), אבער דער שכר פאר יעדע מצוה איז אוועקגעלייגט אויף יענע וועלט. אבער עס איז דא מצות וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט שכר אויף די וועלט אויך. עס איז נישט א שכר, נאר עס איז א סגולה, עס איז א נאטורליכע זאך. ווען מען טוט די און די מצוה, באקומט מען דערפאר די און די מעלה. ווען א מענטש איז הונגעריג און ער עסט, איז עס נישט א שכר, אז וויל ער האט געגעסן, וועגן דעם ווערט ער אויס הונגעריג. נאר עס איז א נאטורליכע זאך, אז מען עסט, ווערט מען זאט. עס איז דא מצות וואס דער שכר וואס מען באקומט דערויף, איז נאטורליך. עס שטייט אין חז"ל (עיין שבת קיט., מגילה כז:) אויף מערערע מצות, וואס דער סגולה דערפון איז.

**עס** שטייט אין די גמרא (שבת כג:) הרגיל בנר, הויין ליה בנין תלמידי חכמים. ווען איינער איז רגיל אין די מצוה פון נר חנוכה, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים. דאס איז נישט קיין שכר, נאר עס קומט זיך אזוי. ווען א יוד טוט א מצוה בנר, מיט ליכטיגקייט, איז ער זוכה צו נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), וואס דאס איז רומז אויף די תורה, וואס די תורה איז ליכטיג. די מפרשים שטעלן זיך, וואס מיינט 'הרגיל' בנר, ער איז געוואוינט אין נר. ער וואלט געדארפט זאגן, אז ער איז 'זהיר' בנר, פארוואס זאגט מען, 'הרגיל' בנר. רש"י טייטשט, אז עס גייט נישט ארויף אויף נר חנוכה אליין, נאר עס גייט ארויף אויף נר שבת און נר חנוכה. ווען איינער צינדט שבת ליכט אינדערהיים, און ער צינדט אן די חנוכה ליכט, איז ער זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. מען ווייסט אז חנוכה איז די איינציגסטע מצוה וואס נישט יעדער יוד איז מקיים די זעלבע, די חכמים האבן איינגעטיילט די מצוה אויף דריי אופנים. עס איז דא מצות נר חנוכה איש וביתו, און עס איז דא מהדרין, און עס איז דא מהדרין מן המהדרין. איינער וואס איז א מהדר איז אנדערש מקיים די מצוה, און מהדרין מן המהדרין איז אנדערש מקיים די מצוה. דער ענין איז נישט דא ביי קיין שום מצוה אין די תורה. יעדע מצוה, איז יעדער יוד מקיים די זעלבע. יעדער האט די זעלבע מזוזה, און די זעלבע ציצית, און די זעלבע תפלין, די זעלבע שבת, עס איז נישט דא א חילוק צווישן איין יוד און דעם אנדערן יוד. פארוואס ביי חנוכה איז יא דא א חילוק צווישן א פשוטן יוד, און מהדרין, און מהדרין מן המהדרין.

**עס** שטייט אין ספרים הק', אז די טעם דערפון איז, ווייל טומאה הותרה בציבור (יומא ו:), אפילו מען האט נישט קיין טהור'ע אויל, נאר טמא'נע אויל, מעג מען עס צינדען. ווען דער ציבור האט נישט עפעס אנדערש, מעג מען נוצן טומאה אויך. אויב אזוי, וואס איז דער פראבלעם אז מען האט מטמא געווען אלע שמנים, און מען האט נישט געקענט צינדען די מנורה, טומאה הותרה בציבור. נאר יעדער פארשטייט אז עס איז דא א הידור אז מען זאל צינדען בטהרה. טומאה איז נאר 'הותרה' בציבור, אויב מען האט נישט קיין ברירה, אבער טאמער מען קען טון בטהרה, דארף מען טון בטהרה. און פאר דעם הידור האבן יודען זיך מוסר נפש געווען, זיי האבן געוואלט מקיים זיין די מצוה מיט א הידור. איז וועגן דעם ווען מען האט מתקן געווען נר חנוכה, האט מען עס מתקן געווען מהדרין, און מהדרין מן המהדרין, אז א מהדר זאל צוטון אין די מצוה מער פון א צווייטען.

**אבער** הא גופא דארף האבן א ביאור, פארוואס פונקט ביי חנוכה, פונקט ביי די שמנים, דארט האט פאסירט א נס מן השמים, אז עס זאל זיין בטהרה. אויף דעם שטייט אויך א הסבר. די הדלקת המנורה דאס איז מרומז אויף די תורה, כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). **תורה דארף מען לערנען אפילו ווען מען איז טמא, אבער עס איז נישט די זעלבע, ווי די תורה וואס מען לערנט בטהרה. תורה וואס מען לערנט בטהרה, איז א אנדערע סארט תורה, דאס איז א תורה וואס בלייבט אויף נצחיות. ווען א יוד לערנט תורה בטהרה, טוט די תורה איבערארבעטן דעם מענטש, און ער ווערט א אנדערע סארט יוד, ווי איינער וואס לערנט שלא בטהרה.** אזוי שטייט אין די גמרא (יומא עב.) יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), ווען איינער לערנט תורה בטהרה, עס איז יראת ה' טהורה, עומדת לעד, בלייבט עס אויף שטענדיג.

**מען** קען צינדען די מנורה אויך בטומאה, מען קען אנצינדען די נרות ווען מען איז טמא, אבער דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, צו ווייזן, אז ווען מען וויל צינדען בטהרה, האט עס א עקסטערע חשיבות. און דער אייבערשטער טוט שלא כדרך הטבע, אז מען זאל קענען אנצינדען די מנורה בטהרה. און דאס דארף זיך א יוד אראפלערנען פון די נרות חנוכה, מען האלט אכט טאג חנוכה פאר די נס פון די נרות, וואס דער אייבערשטער האט געוואלט אז מען זאל אנצינדען די נרות בטהרה, דארף מען זיך אראפלערנען פאר זיך אליין, צו וויסן אז אויב א יוד וויל זיין ליכטל זאל ברענען, דארף ער עס טון בטהרה. ווי מער א מענטש גיט אכט נישט צו טון קיין עבירות, און ער האלט זיך בקדושה ובטהרה, מאכט אויף אים א גרעסערע רושם, די תורה וואס ער לערנט.

**הרגיל** בנר, ווען איינער איז געוואוינט אין נר, ער לערנט אראפ די מוסר השכל פונעם נר, אז מען דארף טון בטהרה, דעמאלטס וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים. און מען דארף זיך אראפלערנען פון די נרות, אז נישט יעדע מצוה איז מען מקיים די זעלבע. עס איז דא מהדרין, און מהדרין מן המהדרין. ביי יעדע מצוה דארף זיך א יוד אראפלערנען פון די נרות חנוכה, איך קען טון מער ווי א צווייטער. איך בין יוצא די מצוה מיט א קלייניגקייט אויך, אבער איך וויל עס טון מיט א גרעסערן הידור. ווען א מענטש גיט אכט יעדע זאך צו טון מיט

א הידור, און מיט נאך מער הידור, האט מען קינדער תלמידי חכמים.

**עבודת** התפלה. **יעדער פארשטייט אז מען דארף דאווענען, מען דארף זאגן די ברכות קריאת שמע, מען דארף זאגן די שמונה עשרה, אבער עס איז דא איינער וואס זאגט אפ די ווערטער, און איינער וואס איז מכוון די ווערטער, און איינער איז נאך מער מכוון די ווערטער. איינער באגענוגט זיך מיט וואס עס שטייט אין סידור, און איינער זאגט יעדע טאג אפאר קאפיטלעך תהלים אויך דערצו.** ווען איינער לערנט זיך אראפ פון נרות חנוכה, איך גיי נישט טון נאר די עיקר מצוה, אזוי ווי מען איז מחוייב צו טון, איך וויל זיין א מהדר, איך וויל זיין א מהדר מן המהדר, דעמאלטס איז ער זוכה, אז ער וועט האבן קינדער תלמידי חכמים.

*

**רש"י** זאגט, אז הרגיל בנר גייט ארויף אויף נר פון חנוכה, און נר פון שבת. אנדערע ראשונים זאגן אז עס גייט ארויף אויף נר חנוכה אליין. אבער רש"י זאגט, נר חנוכה מיט נר שבת. עס שטייט אין חז"ל, אז שבת צינדט מען ליכט משום שלום בית, כדי עס זאל זיין רואיג אין שטוב. ווען עס איז נישט דא קיין ליכט אין שטוב, און מען דארף זיצען אן ליכט, און מען דארף אזוי עסן, און אזוי ארומגיין אין שטוב, פאלט מען, און מען צוקלאפט זיך, און מען איז נישט גוט אויפגעלייגט. עונג שבת דארף זיין ליכטיג די שטוב, מען קומט אריין אין א פיינע לעכטיגע שטוב, שיין געדעקט די טיש, איז עס א עונג שבת. די גמרא רופט עס אן, אז עס איז א נר פון שלום בית. אין די גמרא (שם) שטייט, אז דאס איז וויכטיגער פון נרות חנוכה. טאמער מען האט נישט קיין געלט פארביידע, דעמאלטס זאל מען נישט אנצינדען די חנוכה ליכט, נאר די נר פון שלום בית, פאר שבת.

**די** מוסר השכל וואס מען קען זיך אראפלערנען דערפון איז, **אז אזוי ווי עס איז חשוב ביי א יוד צו צינדען חנוכה ליכט, דארף אים זיין חשוב אז עס זאל זיין שלום בית אין שטוב. מען דארף צינדען נרות שבת, כדי עס זאל זיין רואיג די שטוב. אמאל איז דא א קינד וואס לערנט, ער פירט זיך אויף פיין אין חדר, אבער ווען ער קומט אינדערהיים, איז ער נישט די זעלבע קינד. ער קריגט זיך מיט די געשוויסטער, ער קריגט זיך מיט די עלטערן, ער פאלגט נישט וואס מען הייסט, עס איז נישט דא קיין שלום בית. די שלום וואס עס דארף זיין אין שטוב פעלט, און טאמער מען פירט זיך נישט אויף מיט שלום, א שטוב ווי די קינדער פירן זיך נישט אויף רואיגערהייט, האט נישט קיין חשיבות די תורה, און מען וועט נישט מצליח זיין אין לערנען.** אז מען וויל מצליח זיין אנצוצינדען די נר מצוה ותורה אור, דארף מען זיין רגיל בנר, רגיל זיין אין די נר פון שבת און די נר פון חנוכה. נר שבת ווייזט, אז די שטוב זאל זיין רואיג, די חברים דארפן זיין בשלום, זיך נישט קריגן איינער מיטן צווייטען, דעמאלטס איז מען זוכה אז מען זאל קענען צוקומען אז די נרות זאלן קענען לייכטן.

*

**איך** וויל אבער צו זאגן איין ווארט. אין די גמרא שטייט, אז ווען איינער איז רגיל בנר, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים. עס שטייט אין די גמרא נאך א סגולה, הזהיר בציצית, ווען איינער איז נזהר אין ציצית, וועט ער האבן א טלית נאה. דער אייבערשטער וועט אים באצאלען, אז ער וועט האבן שיינע בגדים. שיינע בגדים אויף דער וועלט, און א חלוקא און א טלית נאה לעולם הבא.

**וואס** מיינט הזהיר בציצית. דער פשוטער פשט איז, אז ער איז מקיים די מצוה פון ציצית מיט א הידור. דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה פון ציצית, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' (במדבר טו-לט), מען זאל זעהן די ציצית, און מען זאל געדענקן די מצות פונעם אייבערשטען. **ווען איינער איז נזהר אין די מצוה פון ציצית, גיט ער אייביג אכט אז זיין טלית קטן זאל זיין כשר, עס זאל נישט האבן א פסול. ער גיט אכט אויף די פעדעמיר פון די ציצית אז עס**

**זאל זיין אכט פעדעמיר אויף יעדע זייט. די ציצית זאלן נישט זיין צוזאמגעקניפט, עס זאל זיין אפגעטיילט יעדע חוט פאר זיך עקסטער. ער גיט אכט אויף די ציצית אז די ציצית זאלן זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן, דאס הייסט הזהיר בציצית.**

**עס** איז אבער דא נאך א זהירות אין ציצית. די סיבה פון ציצית איז, 'וראיתם אותו', אז מען זאל עס זעהן. **ווען א קינד גייט מיט די ציצית אינדרויסן, עס איז נישט אריינגעשטעקט אין די הויזן, נאר עס ליגט אינדרויסן אינדערזייט, אז ער זעהט שטענדיג די ציצית, 'וזכרתם את כל מצות ה', ברענגט עס אז מען זאל געדענקן די מצות פונעם אייבערשטען.** און אויף דעם זאגט די גמרא, הזהיר בציצית, איז ער זוכה צו א טלית נאה, צו א שיינעם טלית אויף די וועלט, און א שיינעם טלית אויף יענע וועלט.

**און** אז מען לערנט יעצט די גמרא אז ווער עס איז זהיר בנר, וועט האבן קינדער תלמידי חכמים, דארף מען געדענקען די צווייטע גמרא אויך, אז מיר זאלן זיין א זהיר בציצית, אכט געבן אז די ציצית זאלן זיין כשר, און אויסגעהאלטן מיט א זהירות. און מקיים זיין דעם וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה', די ציצית זאלן ארויסשטייין אינדרויסן, אז ווען מען זעהט עס, ברענגט עס אז מען זאל געדענקען די מצות פונעם אייבערשטען, און מען איז זוכה צו א טלית נאה אויף די וועלט, און א טלית נאה אין גן עדן.

**קינדער** זענען וואויל, קינדער ווילן זיך פירן ערליך, און מען וויל וואקסן אין תורה, מען וויל שיינען אין דעם נר מצוה ותורה אור. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען מיטנעמען פון די ליכטיגע טעג פון חנוכה. מען הערט אזויפיל שמועסן אין חדר וועגן די ענינים פון חנוכה, דארף מען ביי יעדן שמועס טראכטן, וואס איז עס נוגע פאר מיר, וואס קען איך זיך פירן לויט דעם שמועס וואס מען האט געהערט, דעמאלטס וועט מען לייכטן, און מען וועט אויסוואקסן תלמידי חכמים.

**מען** שטייט אין די ליכטיגע טעג פון חנוכה, וואס מען צינדט אלץ א זכר צו דעם נס פון די מנורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אלע יודען האפן דאך צום ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אז דער אייבערשטער זאל אונז אויפבויען צוריק דעם בית המקדש, און מיר אלע זאלן קענען זעהן ווי אזוי דער כהן צינדט אן די מנורה אין בית המקדש. זאלן מיר זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **הלל יהושע קליין** ע"ה.

בשעות הערב (ליל ז' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. הדברי תורה נסבו על דברי הגמרא (שבת כג:) בענין נר ביתו וקידוש היום וכו', והאריך בגדרי הדין דאין מעבירין על המצוות, ודן בדברי **הנשמת אדם** (כלל סח סימן א') ובדברי **הגר"י ענגיל בבית האוצר** (ח"א כלל סו) בזה. ובדברי **חידושי הגר"ח** (סימן יא) בגדר הדלקת נרות שבת דהוי גם מדין כבוד שבת בנוסף למצות עונג שבת. – והאריך עוד לפלפל בדין אשו משום חציו (ב"ק כב.) ובדברי **הנימוקי יוסף** בהדלקת נרות מערב שבת, ובגדרי הדברים המסתעפים מזה הנוגעים להדלקת נר שבת ונר חנוכה, אי מקיים המצוה בשעת ההדלקה בערב שבת, או מעשה המצוה נגמר בלילה דנחשב כל הזמן כאילו חוזר ומדליק, ועוד.

וסיים בדברי אגדה שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, שימי החנוכה מסוגלים להמשיך בהם נסים למעלה מדרך הטבע, וענין זה נקבע לדורות עולם להתחדש נסים בעת המצטרך בכל שנה ושנה, וצריך לשום מבטחו בה' שעומד עליו לשמרו בכל עת. וביאר בזה מקראי קודש במאורועותיו של יוסף הצדיק בבית הסוהר, שנענש על שלא השליך יהבו על ה' בשלימות.

*

***יום שלישי פרשת ויגש***

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

באמירת הדברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי אגדה בנס מועט המחזיק את המרובה שהיתה במשכן, שמשה ואהרן היו גובה קומתם י' אמות, ויכלו להכנס במשכן שהיתה גם כן במדת גובה זו. והאריך בביאור המקראות במחלוקת קרח ועדתו שצוה להם משה לעשות מעשה הקטורת דייקא במזבח הפנימי, שעצם כניסת הלויים למשכן הוצרכה לנס מיעוט המחזיק, שהרי קומת כל שבט לוי היה י' אמות (עיין שבת צב.), ונס זה לא נעשה עבורם, רק לכהנים משרתי ה'. וזה היתה לאות לבני מרי, שלא נעשה נס לעוברי רצונו, והוצרכו לעמוד פתח אוהל מועד.

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

בשעות הצהרים ערך **רבינו שליט"א** סעודת זאת חנוכה, ביחד עם תלמידי הישיבה קטנה והישיבה גדולה, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל וואלפין** שליט"א (ר"מ בישיבה גדולה). אחר כך חילק **רבינו שליט"א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט אין די אונטערשטע מינוטן פון די ליכטיגע טעג פון חנוכה. מען רופט אן דעם לעצטן טאג פון חנוכה, זאת חנוכה. עס איז דא כמה טעמים פארוואס מען האט עס אזוי גערופן. דער פשוטער פשט איז, ווייל מען לייענט היינט די קריאה פון 'זאת' חנוכת המזבח (במדבר ז-פד), רופט מען עס אן 'זאת' חנוכה. אבער וואס פאר א שייכות האט עס איינס צום אנדערן.

**ביי** די מצוה פון הדלקת המנורה, שטייט אין פסוק (במדבר ח-ב), בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. עס איז געווען די מצוה, אז די נרות זאלן זיך בייגן אל מול פני המנורה, צו די מיטל'סטע ירך שבמנורה. עס איז ארויסגעקומען דריי קנים פון די זייט, און דריי קנים פון די אנדערע זייט, און די קנויטן האבן זיך געבויגן צו די מיטל'סטע חלק פון די מנורה. געוועהנליך ליגט א קנויט אינדערמיט פון א ליכט, און דא איז עס געלעגן אינדערזייט. די דריי פון די רעכטע זייט, זענען געלעגן צו די לינקע זייט, און די דריי פון די לינקע זייט זענען געווען צו די רעכטע זייט, כדי זיי זאלן זיין נאנטער צו די ירך המנורה. יעדע זאך לערנט דאך אונז א מדה וואס מען דארף זיך אראפלערנען דערפון, און כל שכן ווען מען רעדט פון די מנורה, וואס מנורה איז נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג). הרוצה להחכים ידרים, ווען א מענטש וויל דאווענען אויף חכמה, זאל ער זיך דרייען צו דרום זייט. וסימנך, מנורה בדרום (בבא בתרא כה:), און דו האסט א סימן, אז די מנורה וואס ווייזט אויף חכמת התורה איז געווען אויף דרום זייט. זעהט מען דאך, אז מנורה ווייזט אויף חכמת התורה. וואס איז די קשר אז די ששה קני המנורה, זאלן זיין אל מול פני המנורה.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"א עג.), אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד הוא. די תורה, און דער אייבערשטער, און יודישע קינדער, איז איינס. יעדער יוד ווען ער קוקט זיך אליין אן, וואס ער איז א חלק פון כלל ישראל, דו ישראל מיטן אייבערשטען מיט די תורה זענען איינס. וואס מיינט דאס, אז די תורה מיטן אייבערשטען און ישראל, זענען איינס? דער פשוט'ער טייטש איז, אז די תורה איז חכמתו של הקב"ה (עיין **לקוטי אמרים תניא** פרק ד'), די תורה איז די חכמה פונעם אייבערשטען. אויפן אייבערשטען שטייט (**רמב"ם** הל' יסודי התורה ב-י), הוא היודע והוא המדע, עס איז נישט אפגעטיילט, אזוי ווי ביי א מענטש, וואס עס איז דא חכמה, און עס איז דא אמאל וואס ער האט נישט קיין חכמה.ביים אייבערשטען, איז דער באשעפער דער עצם החכמה אליין. קומט אויס, אז דער רבונו של עולם, איז מקושר מיט די תורה. און יעדער יוד פאר זיך האט א נשמה, א חלק אלו-ה ממעל, ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב-ז), דער אייבערשטער כביכול האט אריינגעבלאזן אין א מענטש א נשמת חיים. און ווי די לשון אין הייליגע ספרים איז, 'מאן דנפח', ווען א מענטש בלאזט, 'מתוכיה נפיח', בלאזט ער ארויס א חלק פון זיך (עיין **לקוטי אמרים תניא** פרק ב'). קומט אויס, אז עס איז דא אין יעדן יוד א חלק פונעם אייבערשטען. איז אורייתא

וקודשא בריך הוא וישראל חד הוא, יעדער יוד האט א קשר צום אייבערשטען.

**ווי** אזוי איז דער קשר פון א יוד צום אייבערשטען? א מענטש לעבט אויף די וועלט, איז דאך דער גאנצער תכלית, דביקות ה', אז ער זאל קענען זיין דבוק אינעם אייבערשטען. ובו תדבק (דברים י-כ), ולדבקה בו (שם ל-כ). ווי קען א חומר, א מענטש, וואס איז א מגושמ'דיגער גוף זיין דבוק אינעם אייבערשטן. די גמרא (כתובות קיא:) פרעגט שוין די קשיא, דער אייבערשטער איז דאך אש אוכלה הוא (שם ד-כד), ווי אזוי קען זיך א מענטש מדבק זיין אינעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט אונז אבער געגעבן די תורה, מיט יעדע מצוה וואס א יוד איז מקיים, ווערט ער נאנט צום אייבערשטען, ער ווערט מחובר צום אייבערשטען. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז 'מצוה' איז מלשון 'צוותא', א חברותא, יעדע מצוה טוט מחבר זיין דעם מענטש צום אייבערשטען. ווען א יוד לערנט תורה, איז יעדע ווארט תורה וואס ער זאגט, איז א דביקות אינעם באשעפער. יעדע מצוה וואס ער טוט, יעדע מעשה המצוה איז א דביקות אינעם אייבערשטען. אויף יעדע מצוה מאכט מען א ברכה, אשר קדשנו במצותיו, מיט דעם וואס דו טוסט א מצוה פארן אייבערשטען, ווערסטו מקודש. קידוש איז דער טייטש, דו הייבסט זיך אויף אביסל פון דיין גשמיות, און דו ווערסט דבוק צום רבונו של עולם. קומט אויס, אז דער וועג ווי אזוי א יוד זאל זיך מחבר זיין צום אייבערשטען, איז מיט תורה הק'. לימוד התורה, קיום מצות התורה, דאס איז מחבר דעם יוד צום באשעפער. אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד, תורה מיטן אייבערשטען מיט יודען זענען איינס. ווי אזוי איז דער קשר פונעם יוד צום אייבעשטען, קודשא בריך הוא וישראל, אורייתא, דורך לימוד התורה. תורה דאס איז די חכמה פונעם אייבערשטען, כביכול דער רבונו של עולם אליין, און דורכדעם וואס א יוד זיצט און לערנט, ער טוט מצות און מעשים טובים, מיט דעם איז ער דבוק צום באשעפער.

**מען** געפונט אין די גמרא (שבת פח.) דרש ההוא גלילאה, בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה וואס באשטייט פון דריי, לעם תליתאי, און ער האט עס געגעבן פאר א פאלק וואס באשטייט פון דריי. רש"י זאגט, אז די תורה איז אוריאן תליתאי, ווייל די תורה איז איינגעטיילט תורה נביאים וכתובים, קומט אויס אז די תורה באשטייט פון דריי חלקים. יודען זענען א עם תליתאי, כהנים לויים ישראלים. קומט אויס, אז ביידע זענען די נומער פון דריי, אורייתא איז דריי, תורה נביאים וכתובים, און ישראל איז דריי, כהנים לויים ישראלים. כביכול דער רבונו של עולם, איז איינס, אחד יחיד ומיוחד. און דורך די תורה ווערן יודען מחובר צום אייבערשטען.

**די** מנורה וואס ווייזט אויף חכמת התורה, האט דער אייבערשטער אזוי אויסגעשטעלט, אז עס איז געווען דריי קנים פון איין זייט, און דריי קנים פון די אנדערע זייט, און אלע האבן זיך געבויגען צו די מיטל'דיגע חלק פון די מנורה. די מיטל'דיגע חלק פון די מנורה, דאס איז דער אייבערשטער, קודשא בריך הוא. וועגן דעם האט דארט נישט שולט געווען קיין טבע, דער נר המערבי האט געברענט די גאנצע צייט. וועגן דעם האט עס געהייסען נר המערבי, ווייל עס האט פונה געווען צו מערב, און שכינה במערב (ב"ב כה:). שכינה דאס איז דער מיטל'סטער חלק פון די מנורה. די דריי קנים פון איין זייט, דאס איז תורה, און די דריי קנים פון די אנדערע זייט, איז ישראל, און אלע האבן זיך פונה געווען אל האמצעי שבמנורה, מכאן שהאמצעי משובח. די תורה האט געוויזען ביי די מנורה, אז די דביקות פון א יוד צום אייבערשטען, איז מיט דעם וואס א יוד איז מקיים די תורה, מיט דעם איז ער דבוק צום אייבערשטען.

**עס** איז דא א ווארט פון **רבי דוד לעלוב'ער זי"ע**, אז די אות ו', ווייזט אויף קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. דער אות ו' קען מען שרייבען אויף דריי ערליי אופנים, ו"ו, וא"ו, וי"ו. ו"ו איז צוועלף, דאס איז רומז אויף כלל ישראל, וואס זענען געווען י"ב שבטים. וי"ו, דאס איז צוויי און

צוואנציג, דאס איז די תורה וואס איז נארגת פון כ"ב אותיות. וא"ו, דאס איז דרייצן, דאס איז אח"ד, דאס איז דער אייבערשטער. קומט אויס, אז אין דעם אות ו', איז מרומז קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל. האט ער געזאגט, אז דאס איז דער פשט וואס מען זאגט אין די זמירות (לליל שב"ק) בווין תתקטר, מיט די דריי ו"וין, מיט דעם מאכט מען א כתר פארן אייבערשטען. - און די מנורה האט אויף דעם געוויזען, אז די תורה מיט יודען זענען זיך מחבר צו דעם אמצעי שבמנורה.

**האט** דער אייבערשטער געזאגט, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, קוק אויף דעם ווארט 'מנורה'. דער מיטל'סטע אות פון די ווארט 'מנורה', דער אמצעי שבמנורה, דאס איז דער אות ו'. אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, אזוי ווי די מיטל'דיגסטע אות פון די מנורה, איז דאך א אות ו', וואס ווייזט אויף קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד, אזוי זאל מען צינדען די מנורה, עס זאל זיין אל מול פני המנורה, עס זאל זיך בייגען צום אייבערשטען.

*

**מען רעדט צו בחורים. די יונגע יארן וואס מען האט, דאס זענען די חשוב'סטע יארן וואס א מענטש האט אינעם לעבן. אויב מען פארפאסט דאס, האט מען פארפאסט דאס גאנצע לעבן פונעם מענטש. וואויל איז דעם מענטש, וואס ווייסט, און ער האט שכל, אויסצונוצן די יונגע יארן וואס מען האט, צו לערנען, און זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. עס איז נישט דא קיין אנדערע דביקות צום באשעפער, נאר דורך תורה. א מענטש דארף זיין פארנומען פון צופרי ביז ביינאכט, מיט תורה.** אין די יונגע יארן איז עס לימוד התורה, אין די שפעטערע יארן קומט צו קיום המצות, מער ווי לימוד התורה. אבער על כל פנים דאס איז אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד, אז מען וויל זיין דבוק אינעם אייבערשטען, איז נישט דא קיין אנדערע וועג, נאר זיך אריינווארפן אין ים התורה. שטענדיג טראכטן פון לערנען, ליגען אין לערנען. בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), **עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה אקעגן דעם יצר הרע, נאר לימוד התורה. ליגען אין תורה, זיך מעמיק זיין אין תורה, שטענדיג טראכטען פון תורה, ווען מען גייט אויף די גאס, ווען מען ליגט אין בעט, און אפילו ביים עסן, טראכטען שטענדיג פון לערנען.**

**דער שלחן ערוך הרב** (סימן ר"נ) שטעלט זיך, אז די גמרא (קידושין מא.) זאגט, אז די אמוראים האט יעדער עפעס צוגעגרייט פאר כבוד שבת, רבא מלח שיבוטא וכו'. די הלכה איז (עיין מו"ק ט:), אז לימוד התורה קומט פאר אלע מצות, נאר א מצוה וואס איז אי אפשר לקיימה על ידי אחרים, און עס איז א מצוה עוברת, איז מען מחוייב מבטל צו זיין לימוד התורה. פרעגט ער, זיי זענען געזעסן און געלערנט שטענדיג, פארוואס האבן זיי מבטל געווען פון לימוד התורה צו זאלצן די פיש, עס איז דאך אפשר לעשותו על ידי אחרים. דאס קען א אנדערער אויך טון, פארוואס האבן זיי עס געטון.

**דער שלחן ערוך הרב** ענטפערט דערויף, אז אזוי ווי דאס איז כבוד שבת, און יעדער יוד מוז ארויסווייזן כבוד שבת, איז נישט שייך דערויף אפשר לעשותו על ידי אחרים, ווייל דו האסט נישט געוויזען דעם כבוד פון שבת. די מצוה איז טאקע געטון געווארן, דו וועסט האבן וואס צו עסן אויף שבת, אבער דעם כבוד פון זאלצן דעם פיש אויף שבת, דאס איז א מצוה שבגופו. אזוי ווי דו קענסט נישט מאכן א שליח צו לייגען תפילין, איז געבן כבוד פארן שבת, דאס קען מען נאר טון בגופו. איז יעדער יוד מחוייב צו טון עפעס לכבוד שבת, מקיים צו זיין די מצוה פון כבוד שבת.

**איך** מיין אז די קשיא איז נישט שווער. איך האב געזען שטיין פונעם **סטייפלער זי"ע**, אז ער האט אמאל געדארפט עפעס ערלעדיגן אין שטוב, איז ער געגאנגען און ער האט עס אליין געטון. האט אים דער שטוב מענטש געפרעגט, פארוואס ער האט אים נישט געהייסן עס טון, ער קען דאך עס טון אנשטאט אים. האט ער אים געזאגט, 'ווען דו וועסט עס טון, וועט עס זיין ביטול תורה, אבער ווען איך טו עס, איז נישט דא קיין ביטול

תורה, ווייל איך טראכט די גאנצע צייט אין לערנען'. – אז מען הייסט פאר איינעם עפעס טון, קען ער נישט טון צוויי זאכן אויף איין מאל, איז ממילא ליגט אים נישט דער קאפ אין לערנען. האט דער סטייפלער געזאגט, איך טראכט שטענדיג אין לערנען, מיט די הענט קען איך טון עפעס אנדערש, און איך טראכט פון לערנען.

**רבא** מלח שיבוטא, און מיטן מלח שיבוטא, האט ער אויך געלערנט. ער האט נישט מבטל געווען קיין לימוד התורה, נאר אנשטאט זיצען ביי די גמרא, האט ער עס געלערנט אויסענווייניג, אבער עס איז נישט געווען קיין ביטול תורה. אבער על כל פנים, לימוד התורה דאס שטייט העכער פון אלע מצות וואס איז דא. יעדע זאך וואס איז אפשר לעשותו על ידי אחרים, אז דו קענסט זיך ארויסדרייען אז דו זאלסט עס נישט דארפן טון היינט, נאר א אנדערער זאל עס טון, דארף מען אוועקגעבן אלעס פאר תורה.

*

**מען** לייענט אין חנוכה די חנוכת הנשיאים. חנוכת הנשיאים האט גארנישט קיין שייכות מיט חנוכה, עס איז געווען ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן. עס רופט זיך מיט די זעלבע נאמען, חנוכה, אבער עס האט נישט קיין שייכות מיט חנוכה. פארוואס האט מען קובע געווען אז מען לייענט חנוכה די פרשה פון די נשיאים? אין **טור** (סימן תרפ"ד) שטייט, אז דער טעם דערפון איז, ווייל ווען די יונים זענען אריינגעקומען האבן זיי אלעס חרוב געמאכט, און מען האט מחנך געווען דעם בית המקדש פון ניי, און דארט איז אויך געווען א חנוכת המזבח, האט מען צוזאמגעשטעלט ביידע צוזאמען.

**מען** ברענגט צו פונעם פסיקתא (רבתי ו'), אז ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, איז פערטיג געווארן דער משכן כ"ה כסלו. יום כיפור איז משה רבינו אראפגעקומען פון הימל, און דעם אנדערן טאג ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, און ער האט איבערגעגעבן די מצוה פון עשיית המשכן, און מען האט עס געמאכט אין די צוויי חדשים, ביז כ"ה כסלו איז געווען פערטיג אלעס וואס מען דארף האבן צו דעם משכן. און יודען האבן געוואלט אויפשטעלן די משכן, אבער דער אייבערשטער האט געזאגט, אז מען זאל נאך ווארטן. דער אייבערשטער האט געוואלט אז מען זאל עס ערשט אויפשטעלן אין חודש ניסן, דעמאלטס איז געווען לידת יצחק. דער באשעפער האט געהאט א חשבון אז מען זאל עס דעמאלטס אויפשטעלן. זאגט דער פסיקתא, אז יודען זענען געווען פארצווייפעלט, שמא יש בה דופי, אפשר האבן מיר געטון א זאך נישט ריכטיג, און דער אייבערשטער וויל נישט אראפקומען רוען אינעם משכן. אבער דער אייבערשטער האט נישט געוואלט דעמאלטס אראפקומען, ער האט עס געוואלט אפשטופן אויף חודש ניסן, אבער דער אייבערשטער האט געזאגט, יש לי לשלם, איך דארף באצאלן פאר דעם כ"ה כסלו. דעם טאג איז געווען מיוחד אז מען קען אויפשטעלן די משכן, איך גיי באצאלן, אז דעם טאג וועט זיין א אנדערע חנוכה, און עס איז געווען די חנוכה בימי היוונים, וואס מען האט דעמאלטס צוריק מחנך געווען דעם בית המקדש. עס איז באצאלט געווארן פאר דעם וואס מען האט דעמאלטס נישט אויפגעשטעלט די משכן.

**איך** האב געטראכט, זיי האבן געזאגט, שמא יש בה דופי. כדי דער אייבערשטער זאל רוען אין א מקדש, עס זאל זיין א מקום פון השראת השכינה, מוז דער משכן זיין צוגעגרייט ווי עס דארף צו זיין. יעדע מטבע, יעדע זילבער און גאלד, וואס מען האט געגעבן, האט געדארפט זיין ערליך מיט א ריינע כונה, אויב נישט איז עס נישט ראוי פאר השראת השכינה. השראת השכינה קען נאר זיין אויף א פלאץ וואס איז בלתי לה' לבדו, א זאך וואס מען האט געטון ערליך פארן אייבערשטען, דארט קען רוען די שכינה.

**א** מענטש האט געגעבן געלט, און מען האט געטון די עבודה פונעם משכן, מען האט צוגעשטעלט די כלים, מי יאמר זכיתי לבי, אז עס האט זיך נישט אמאל אריינגעכאפט א פניה.

אמאל איז די געלט נישט געווען אזוי ערליך וכדומה, און עס איז געווען א חשש, שמא יש בה דופי, זיי האבן געהאט אויף וואס מורא צו האבן. אפשר איז דא א זאך אינעם משכן, און מיר האבן עס נישט געטון מיטן גאנצן הארץ, ווי עס פעלט זיך אויס. תוכו רצוף אהבה מבנות ירושלים (שיר ג-י), דער תוך פונעם משכן איז דאך געווען די אהבה, און טאמער דאס פעלט, איז נישט דא קיין השראת השכינה.

**האט** דער אייבערשטער נאכדעם געגעבן צייט, אז מען זאל קענען תשובה טון, מען זאל זיך קענען דערהייבן, און יעדער יוד וואס האט זיך שפעטער דערהויבן, איז נתעלה געווארן זיין נדבה וואס ער האט געגעבן פארן משכן. תשובה נוצט אפילו אויף א עבירה, מיט גוטע מחשבות שפעטער, קען מען מהפך זיין א עבירה פאר א מצוה. די גוטע מחשבות וואס זיי האבן געהאט שפעטער, דאס האט מעלה געווען אלע זייערע נדבות המשכן וואס זיי האבן געגעבן, אז עס זאל קענען זיין דערביי א השראת השכינה.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (דרשות סג:), אז לויטן חשבון איז געווען זיבן און אכציג טעג, פון כ"ה כסלו ביז ראש חודש ניסן. און ער זאגט א רמז דערויף, ראשו כתם פ"ז (שיר ה-יא), אזויפיל טעג האט מען געווארט. לויט דעם קען זיין, 'כתם' איז דאך א פלעק, 'ראשו' איז דער קאפ. פארוואס האט מען געווארט 'פז', זיבן און אכציג טעג ביז מען האט אויפגעשטעלט די משכן, ווייל 'ראשו כתם', אפשר אין קאפ איז געווען עפעס א כתם, א פלעק, וואס מען האט נישט אזוי געטון ווי עס דארף צו זיין, האט מען געגעבן צייט זיבן און אכציג טאג, אז מען זאל עס קענען מסדר זיין, אז עס זאל קענען זיין א מקום וואס איז ראוי פאר השראת השכינה.

**זעהט** מען פון דעם, דעם געוואלדיגען ענין פון א מחשבה וואס א יוד האט. עס איז נישט גענוג אז מען טוט, מען האט אויפגעשטעלט א משכן, איך האב געלייגט תפלין, איך האב געהאלטן שבת, וכדומה, נאר עס ווענט זיך ווי אזוי דו האסט עס געטון. עס מוז זיין מיטן גאנצן הארץ, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך (דברים ו-ה), דעמאלטס האט עס א חשיבות.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז מען האט געדארפט אויפשטעלן דעם משכן כ"ה כסלו, און ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן האבן די נשיאים געברענגט קרבנות. די נשיאים האבן נישט געוואוסט אז עס גייט זיין ראש חודש ניסן, זיי האבן דאך געמיינט אז עס גייט זיין כ"ה כסלו. ווען זיי האבן געזעהן אז דער משכן ווערט פערטיג, און באלד גייט מען אריינגיין אינעם משכן, האבן זיי געהאט א געוואלדיגע תשוקה צו ברענגען זייערע קרבנות. נאכדעם האט מען געזאגט, ניין, מען שטעלט נישט אויף די משכן ביז חודש ניסן, אבער זייער תשוקה וואס זיי האבן געהאט צו די חנוכת הנשיאים, דאס האבן זיי געהאט כ"ה כסלו. בשעת זיי האבן געזעהן אז אלעס איז פערטיג געווארן, און מען גייט אויפשטעלן דעם משכן, האבן זיי געהאט א תשוקה צו ברענגען זייערע קרבנות. און א תשוקה פון א יוד, ווען א מענטש וויל, אפילו ער קען עס נישט אויספירן בפועל, איז ביים אייבערשטען זייער חשוב. האבן זיי ממשיך געווען אין די טעג פון כ"ה כסלו, אז שפעטער בימי חנוכה זאל מען מחנך זיין דעם בית המקדש. חינוך המשכן איז געווען בפועל ראש חודש ניסן, אבער די תשוקות וואס יודען האבן געהאט אויפצושטעלן דעם משכן, דאס איז געווען כ"ה כסלו. און יעדן טאג וואס יודען האבן זיך מקדש געווען, לאזט איבער א רושם אויפן טאג, איז איבערגעבליבן א געוואלדיגער רושם אויף די טעג, אז מען וויל מחנך זיין די משכן. און די תשוקה האט צוגעברענגט שפעטער, אז כ"ה כסלו איז געווען דער נס פון חנוכה, אז מען זאל קענען טון די עבודה אינעם בית המקדש.

**עס** איז דא זאת חנוכת המזבח 'ביום' המשח אותו (במדבר ז-פד), און זאת חנוכת המזבח 'אחרי' המשח אותו (שם ז-פח). עס איז געווען צוויי חנוכת המזבח, עס איז געווען א חנוכת המזבח וואס מען האט געטון בפועל, און עס איז געווען א חנוכת המזבח וואס עס איז נאר געווען במחשבה. און דער חנוכת המזבח לערנט, ווי

חשוב עס איז א מחשבה פון א יוד. דער אייבערשטער האט אפגעשטופט, מען האט נישט מחנך געווען די משכן דעמאלטס, נאר שפעטער, ווייל אפשר איז א יוד'ס מחשבה נישט געווען ווי עס דארף צו זיין ביי די נדבות המשכן, אדער ביי די עשיית המשכן, און ער זאל עס קענען מתקן זיין.

**די** נשיאים האבן געוואלט ברענגען זייערע קרבנות, און זיי האבן געהאט א תשוקה צו ברענגען די קרבנות, איז געווארן דערפון א חנוכה. דאס דארף אונז לערנען, 'אחרי המשח אותו', ווען מיר גייען אוועק פון חנוכה, זאל מען וויסן וואס איך זאל מיך אראפלערנען פונעם חנוכת המזבח, אז א מחשבה פון א יוד, וואס זיי האבן געהאט א תשוקה צו ברענגען קרבנות, האט צוגעברענגט און עס האט שפעטער גורם געווען די חנוכת המקדש אין די צייטן פון די יונים. זעהט מען וואס דאס מיינט א גוטע מחשבה. און מען זעהט פון דעם, אז דער אייבערשטער האט אפגעשטופט, און נישט געוואלט משרה זיין שכינתו ביז ניסן, כדי צו געבן צייט אז יודען זאלן קענען מתקן זיין זייער מחשבות ווי עס דארף צו זיין.

**דאס** איז א מוסר השכל פאר יעדען איינעם. **אמאל ווערט מען צובראכן, מען פילט נישט אז מען איז געהעריג אנגעקומען, און מען האט אויסגעפירט בפועל ובמעשה וואס מען האט געוואלט. יעדע תשוקה איז זייער חשוב ביים אייבערשטען, יעדע מחשבה וואס א יוד האט, אז ער וויל זיין גוט, און ער פראבירט צו זיין גוט, איז זייער חשוב ביים אייבערשטען.** אפילו די נשיאים האבן נישט געקענט מחנך זיין דעם משכן, עס איז זיי נישט געלונגען דעמאלטס, איז אבער געבליבן אין די טעג א כח אויף שפעטער.

**ווען** מען גייט אוועק פון חנוכה, זאגט מען זאת חנוכה, מיר זאלן געדענקן דעם 'זאת' חנוכת המזבח, מען זאל געדענקן וואס דאס מיינט א תשוקה פון א יוד צום אייבערשטען. מען זאל געדענקן די ענין פון די מנורה, וואס מנורה ווייזט אויף קודשא בריך הוא ואורייתא וישראל חד הוא, עס איז נישט דא קיין אנדערע דביקות פון א יוד צום אייבערשטען, נאר דורך תורה הק'. ווען א יוד געדענקט דאס, דעמאלטס גיט ער זיך איבער פאר תורה.

*

**עס** איז שוין אדורכגעגאנגען כמעט א האלבער זמן, מען האלט שוין אט אט ביי די צווייטע העלפט. יעדער מאכט זיך א חשבון וויפיל בין איך אנגעקומען אין דעם זמן, און וואס האב איך נאך צו לערנען, און וויפיל קען איך נאך אנקומען. וואויל איז פאר דעם וואס קען זאגן אז ער האט נישט אנגעברענגט די צייט די ערשטע העלפט פונעם זמן. וואס איך האב געלערנט, האב איך איבערגע'חזר'ט, עס איז ביי מיר מונח בקופסה אלעס וואס איך האב געלערנט ביז יעצט, און איך גיי ממשיך זיין ווייטער.

**אבער** אפילו מען האט עס פארפאסט, אפילו ער איז נישט אנגעקומען מיט אלעם, ער האט נאר פופציג פראצענט, צו זיבעציג פראצענט פון וויפיל ער האט געדארפט, איז אבער נאך דא א גאנצע האלבע זמן יעצט. **מען דארף זיך נעמען, און זיך ארייננווארפן אין ים התורה, מקבל זיין אויף זיך, איך וויל זיין דבוק אין תורה, איך גיי אויסנוצן די צייט וואס איז נאך געבליבן, פלייסיג צו לערנען, איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. עס זאל נישט אדורכגיין א וואך וואס איך זאל נישט קענען יעדע זאך וואס מען האט געלערנט פון אנהייב ביז צום סוף.** עס זאל זיין ושננתם לבניך (דברים ו-ז), שיהו דברי תורה מחודדים בפיך, שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם וכו' (קידושין ל.). יעדע זאך וואס איך לערן זאל איך וויסן אז איך קען עס קלאר איבערזאגן, ווען מען פרעגט מיך, שטעל איך זיך נישט אפ, און איך בין נישט מגמגם דערין, אזוי דארף זיין די לימוד התורה.

**און** צו דעם איז דא די כוחות אין די ימי חנוכה, וואס האבן אראפגעברענגט א געוואלדיגע הארה, ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז די טעג פון חנוכה לאזן איבער א ליכטיגקייט פונעם אור הגנוז אויף יעדן מענטש. יעדער

מענטש האט אין זיך באהאלטן א ליכטיגקייט, נאר מען קען עס אסאך מאל נישט ארויסברענגען מן הכח אל הפועל, אבער יעצט אין די טעג פון חנוכה, קומט ארויס דער אור הגנוז, דער באהאלטענער אור וואס א מענטש האט. ווען מען האלט נאך אין די לעצטע מינוטן פון חנוכה, דארף מען זיך פארנעמען, זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו, איך וויל מיטנעמען די טעג פון חנוכה אויף די איבריגע טעג וואס איז נאך געבליבן אין דעם זמן. מקבל זיין אויף זיך עול תורה, פלייסיג לערנען, נישט מבטל זיין פאר קיין שום זאך. מען רעדט דאך נישט פון דברים בטלים, נאר אפילו פאר א מצוה וואס איז אפשר לעשותו על ידי אחרים, דארף מען אויך נישט אוועקגעבן פאר לימוד התורה, אזוי חשוב איז צו לערנען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן אלע האבן הצלחה און שטייגען אין תורה און עבודת ה'. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער גמר חתימה פון די הייליגע טעג, ענדיגט זיך מיט א געוויסע נקודה אין זאת חנוכה. עס שטייט אין הייליגע ספרים א רמז דערויף, בזא"ת יכופר עון יעקב (ישעיה כז-ט). מיר אלע זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר, און א פרייליך יאר. דער באשעפער זאל אונז געבן א גמר חותם חיים, אין אלע ענינים וואס א יוד דארף צו האבן. נישט האבן קיין שום פיזור הנפש, און קיין טירדת הנפש, קענען זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען מיט הרחבת הדעת, און אלעס אוועקגעבן און מפקיר זיין פאר תורה הק'. מיר זאלן זוכה זיין צו א געבענטשט ווערן מיט א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר, ערכתי נר למשיחי, אז די טעג זאלן שוין נתעורר ווערן און ברענגען די גאולה, און קענען זעהן די עבודה פונעם כהן גדול אין בית המקדש, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בן ציון הערש בירנבוים** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יוסף ווערצבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הגה"צ רבי יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א** דומ"ץ דקהל יטב לב (קליימער סט.), עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק אייזיק קליינמאן שליט"א** (חתן הגה"צ רבי אברהם יהודא פאללאק שליט"א אב"ד לאנדסבערג), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויגש***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הרה"ג רבי **מאיר איתמר שוויד** שליט"א, עב"ג בת הרה"ג רבי **יהודא נח וויינבערג** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ו' טבת). בברכת המזון נתכבד הבחור בנש"ק **אברהם דוד כ"ץ** נ"ו.

בקריאת התורה התקיים הבאווארפן של החתן **חנני' דוב** נ"ו, בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה יוסף נאה** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד

במוהלות ובברכות וקריאת השם, ומסר הברכות וקריאת השם **להגה"צ רבי אברהם צבי וואזנער שליט"א** רב דקהל ייטב לב דסאטמאר מאנסי. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד השמחות.

כשהגיע **רבינו שליט"א** ליד ביתו נכנס לבקר אצל הר"ר **שמואל וואסערמאן** הי"ו.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **יעקב יצחק בירנבוים** נ"ו, חתן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו.

# פרשת ויחי ו' – י"ב טבת תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויחי***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **משה זאנוויל ניימאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תורת חיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב לסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ישעי' ראזענבערג** הי"ו (פלעטבוש), שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **יוסף יוזפא ראזענבערג** ע"ה.

*

***יום שני פרשת ויחי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **יחיאל אלימלך** ני"ו בן הר"ר **מענדל ברילל** ני"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן גליק** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר החופה רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **גרשון פאגעל** ע"ה.

*

***יום שלישי פרשת ויחי***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **פנחס אלימלך ראאב** הי"ו, שהתקיים בבית חמיו הר"ר **שמואל דוד היימליך** הי"ו. אחר הברית ניחם **רבינו שליט"א** את משפחת היימליך שישבו שבעה על פטירת אביהם הר"ר **חיים שלמה היימליך** ע"ה (בראזיל). אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** עס שטייט אין די גמרא (ירושלמי מו"ק ג-ז) נולד בן זכר במשפחה, נתרפאת כל המשפחה. ווען עס ווערט געבוירן א בן זכר אין די שבעה, און עס איז דא דינים אויף אבלים, איז נתרפא כל המשפחה, און די דינים גייען אראפ. און אויף דעם איז דא א תשובה אין **מהרש"ל** (סימן ע'), אז א קינד וואס איז געבוירן פאר דעם, אבער די ברית איז אין די שבעה, איז די ברית דאס הייסט נולד בן זכר במשפחה. על כל פנים עס איז נולד בן זכר במשפחה, איז נתרפא כל המשפחה.

איר זענט אייניקלעך פון רבי שלמה היימליך?

**א' האבלים:** יא. ער איז געווען דער מדפיס פונעם **לחם שלמה**.

**רבינו:** עס איז דא א בילד פון אים ווי ער איז צוזאמען מיטן **שאמלויא'ער רב**. ער גייט מיט א שטריימל. עס איז געווען א ברית, און דער **שאמלויא'ער רב** איז געגאנגען צום ברית, און ער איז געווען מיט א שטריימל, און דער **שאמלויא'ער רב** איז מיטן הוט.

**א' האבלים:** זיי זענען געווען שטארקע מונקאטשער חסידים. די דרוקעריי אין שאמלויא פלעגט מען אויך נוצן פאר גוי'שע צייטונגען, און א גוי האט גע׳עפנט א דרוקעריי נעבן רבי שלמה היימליך, האט ער געשריבן א בריוו צום **מנחת אלעזר**, אז א גוי האט געעפנט א דרוקעריי נעבן אים, און די גוים וועלן מורא האבן צו געבן פאר אים. איז דא א בריוו וואס דער גבאי פונעם **מונקאטשער רב** שרייבט צום זיידן, 'ובענין הדרוקעריי זאל ער זיך נישט זארגן, כי במהרה יוכל לבשר בשורה טובה בקרוב'. און א פאר טעג נאכדעם, האט זיך דער דרוקעריי אפגעברענט, און עס איז נישט געבליבן א זכר דערפון.

**א' האבלים:** מיין זיידע, מיין טאטנס טאטע, רבי צבי איסר, פלעגט צו דערציילן, אז זיין טאטע האט געהייסן יחזקאל שרגא, נאכן **שינאווער רב**. און ביי רבי שלמה פלעגן איינשטיין אסאך

רבי'ס. דער **ספינקא רבי**, דער **ראזלא רב**, **רבי שלום אליעזר פון ראצפערט**, דער **שינאווער רב**. און מיין זיידע פלעגט פארציילן, אז ווען די באבע איז געווען מעוברת איז זי אריין מיט א קוויטל צום **שינאווער רב**, ווען ער איז געווען ביי זיי אינדערהיים, און דער **שינאווער רב** האט געזאגט, ווען עס וועט זיין די ברית, וועסטו שוין וויסן וועלכע נאמען צו געבן. דער **שאמלויא'ער רב** פלעגט אויפשרייבן יעדן ברית וואס ער האט געהאט, די נאמען מיט די דאטום [די אייניקלעך אין ירושלים האבן עס], און דארט שטייט, אז דער ברית איז געווען בערך אכט חדשים נאך די פטירה פונעם **שינאווער רב**.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף רבינו אצל החופה של בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג רבי **פישל סופר** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הרה"ג רבי **בנימין פאפלאנאש** שליט"א ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויחי***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **משה יוסף הלוי האפפמאנן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** סוף פון די פרשה זאגט די תורה, וירא יוסף לאפרים בני שלשים, גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף (בראשית נ-כג), די תורה פארציילט, אז יוסף האט געזעהן קינדער און אייניקלעך, און אור אייניקלעך. ביי אפרים האט ער געזעהן בני שלשים, קינדער פון דריי דורות, און גם בני מכיר בן מנשה, אויך די קינדער פון מכיר בן מנשה, יולדו, זענען אויך נתגדל געווארן, על ברכי יוסף, אויף די שויס פון יוסף. אין תרגום יונתן שטייט, אז עס גייט ארויף אויף ברית מילה, אז זיי זענען גע'מל'ט געווארן אויף די שויס פון יוסף.

**יוסף** הא געהאט צוויי קינדער מנשה און אפרים. רש"י זאגט (שם מח-א), אז אפרים איז געווען רגיל ביי יעקב, ער איז געזעסן און געלערנט, און מנשה איז געווען ממונה אויף די פארמעגן פון יוסף. ווען יוסף האט געהאט צוטון מיט די ברודערס וועגן די גביע, האט ער געשיקט מנשה, און מנשה איז געווען דער וואס האט פארהאנדלט מיט זיי. מנשה האט עוסק געווען מער אין עניני עולם הזה, און אפרים האט עוסק געווען מער אין תורה.ביידע זענען געווען גרויסע לייט, אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי (שם מח-ה), אבער די עבודה פון אפרים איז געווען א אנדערע עבודה פון די עבודה פון מנשה.

**די** גמרא (בבא מציעא פה.) זאגט, כל מי שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם, אויב עס איז דא דריי דורות תלמידי חכמים, איז דא א הבטחה אז די תורה וועט זיך נישט אויפהערן פון די קינדער. [אוודאי נאר אויב מען לאזט אריין די תורה. עס שטייט פונעם **חפץ חיים**, אז טאמער מען קלאפט אויף די טיר, און מען לאזט נישט אריין, דעמאלטס קומט נישט אריין די תורה. אבער מען רעדט ווען מען וויל זיין גוט, האט מען א סייעתא פון הימל, אז מען זאל קענען ממשיך זיין די תורה]. אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה נט-כא), לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, אויב עס איז טוט זיך נישט אפ פון דריי דורות, אמר ה', זאגט דער אייבערשטער, מעתה ועד עולם, וועט די תורה בלייבן אויף שטענדיג.

**אפרים** אזוי ווי ער איז געווען רגיל צו לערנען, זענען דאך די קינדער אויך געווען תלמידי חכמים, און מען איז געזעסן און געלערנט. זאגט די תורה הק', וירא יוסף לאפרים בני שלשים, ביי אפרים האט ער געזעהן קינדער וואס זענען געווען משולש, וואס זענען געווען הוא תלמיד חכם ובנו תלמיד חכם ובן בנו תלמיד חכם, וואס עס איז דא א הבטחה אז שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם. - וועגן דעם געפונט מען אז כלל ישראל ווערט אנגערופן מיטן נאמען אפרים, הבן יקיר לי אפרים (ירמיה לא-יט), ווייל ביי אפרים איז געווען בני שלשים, עס איז געווען אין דור נאכן צווייטען, וואס זענען געווען תלמידי חכמים.

**מען** געפונט אין די גמרא (שבת פח.), דרש האי גלילאה, בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי. די תורה ווערט אנגערופן תליתאי, ווייל עס באשטייט פון דריי חלקים, תורה נביאים וכתובים. און יודען ווערן אנגעופן א עם תליתאי, רש"י טייטשט אז זיי זענען כהנים און לויים און ישראלים. אנדערע מפרשים טייטשן אז יודען זענען תליתאי, ווייל זייער עבודה איז אין תורה און עבודה און גמילות חסדים, דאס איז די שלשה דברים שהעולם עומד (אבות א-ב).

**יודען** זענען א עם תליתאי, ווייל די גמרא (יבמות עט.) זאגט א סימן צו דערקענען צו איינער איז א יודיש קינד. אויב איינער איז א ביישן, א רחמן, און א גומל חסד, איז א סימן אז ער איז א יודיש קינד. די דריי סימנים זענען סימנים אויף יודישקייט. יודען זענען א עם תליתאי, זיי זענען עוסק אין תורה און עבודה און אין גמילות חסדים. זיי זענען רחמנים ביישנים און גומלי חסדים. זאגט די תורה הק', וירא יוסף לאפרים, יוסף האט געזען ביי די וואס זיצען און לערנען תורה, בני שלשים, אזעלכע קינדער וואס זענען בני שלשים. עס איז דא ביי זיי תורה עבודה און גמילות חסדים, און עס איז דא ביי זיי ביישנים רחמנים און גומלי חסדים. ווערסטו מיינען אז די בני מנשה זענען געווען שוואכערע קינדער, זאגט ער ניין, גם בני מכיר בן מנשה, כאטש מנשה איז נישט געווען אין די מדריגה ווי עס איז געווען ביי אפרים, אבער יולדו על ברכי יוסף, זיי זענען אויך ערצויגען געווארן אויף די שויס פון יוסף, זיי זענען געגאנגען אין די וועגן פון יוסף.

*

**בשעות הצהרים הגיע כ"ק האדמו"ר מספינקא ירושלים שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**נסוב השיחה אודות נסיעת רבינו לארה"ק**
**וביקורו בעיר צפת**

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** ווען עס איז געווען די ערד ציטערניש אין צפת, האט דער **חתם סופר** געזאגט, אז דער ערד ציטערניש איז געווען, ווייל עס איז געווען א קפידא פון ירושלים, ווייל מען האט איבערגעלאזט ירושלים, און מען איז געגאנגען וואוינען אין צפת.

**רבינו:** עס איז געדרוקט אין די תשובות (יו"ד סימן רלג). די פרנסה איז אמאל געווען זייער שווער אין ירושלים, און אין די געגענט פון צפת איז געווען מער פרנסה.

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** עס קען זיין נאך צוויי סיבות. איינס, ווייל מען האט נישט געוואלט זעהן דעם חורבן. און צווייטענס, ווייל עס האבן דארט געוואוינט אסאך מער אראבערס ווי אין צפת.

עס איז אויך דא די מעשה מיטן **בת עין**, אז ער איז געגאנגען קיין צפת. דארט קען זיין, ווייל די סיבה פארוואס ער איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל איז געווען, ווייל איינער האט אים געזאגט, אז די שטיינער אין ארץ ישראל לייכטן. און דער וואס האט אים דאס געזאגט, איז געווען א משולח פון צפת, דארט האט ער געזעהן ווי די שטיינער לייכטן, איז ער דארט געפארן וואוינען.

עס איז אינטערעסאנט, אז אלע צדיקים האבן געבויט דארט בתי מדרשים. עס קען זיין נאך א סיבה, ווייל אין ירושלים איז דא כמעט אין יעדן ווינקל א קירכע. אקעגן איבער תולדות אהרן איז דא א קירכע, אקעגן איבער איז דא דייטשע קירכע, און די איטאליענישע האבן אויך דארט א קירכע, און נאכדעם איז דא דארט די רוסישע פלאץ, אלעס איז געווען פיל מיט קירכעס, און אין צפת האט דאס נישט געהאט. איך האב

געזען איינער ברענגט דאס צו, אז אין צפת איז נישט דא קיין קירכע אדער מעטשעט.

**רבינו:** עס איז דברים של טעם.

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** עס איז דא א קונטרס **ברכות והודאות**, פונעם **אמרי יוסף**. ווען מען לייגט דעם טלית, הייבט די וועלט אן, לשם יחוד קוב"ה, הריני מתעטף גופי בציצית כן תתעטף נשמתי וכו'. דער **אמרי יוסף** הייבט אן זייער אינטערעסאנט, רבונו של עולם הריני רוצה להתעטף עצמי בציצית, כדי לקיים מצות בוראי כמו שכתוב וראיתם אותו וזכרתם, לשם יחוד קודשא ברוך הוא, ויהי נועם וגו', ומעשה ידינו כוננהו, לאוקמא שכינתא מעפרא, וכשם שאני מתעטף גופי בציצית כן תתעטף וכו'.

**רבינו:** די ספינקא קינדער זאגן אזוי?

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** עס איז געדרוקט אינעם סידור. דער **ברעזאנ'ער רב, הרה"ג רבי חיים יוסף פריעדמאן שליט"א** האט ארויסגעגעבן א ספינקא סידור, און דארט שטייט דער נוסח. עס איז אויך א אינטערעסאנטע זאך, אז אין זידיטשוב האט מען נישט געזאגט, נישט הריני מוכן ומזומן, און נישט לשם יחוד, און דער **חקל יצחק** האט געזאגט אסאך, און אפילו דער **אמרי יוסף** זעהט מען אויך, אז ער האט יעדע מאל עקסטער אלעס ארויסגערעדט. דער נוסח איז אסאך א געשמאקערער נוסח.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין פעטער, דער **קאטמונ'ער רב** זצ"ל, ער איז געווען א איידעם ביים **בראשוב'ער רב**. דער **בראשוב'ער רב** איז געווען א חסיד פונעם **אמרי יוסף**.

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** איך מיין אז ער איז אויך געווען א תלמיד.

**רבינו:** דער **בראשוב'ער רב** האט נישט געהאט קיין קינדער אסאך יארן נאך די חתונה, און ער האט זיך אמאל מזכיר געווען פארן **אמרי יוסף**, און דער **אמרי יוסף** האט אים געזאגט, איך וועל דיר געבן א סגולה, אז דו זאלסט לערנען יעדן טאג א שטיקל **אור החיים הק'**, און ער האט אים געוויזען וועלכן שטיקל ער זאל לערנען. און ער האט יעדן טאג געלערנט דעם **אור החיים הק'**, און ער איז געהאלפן געווארן. און פון אזויפיל זאגן האט ער שוין געקענט דעם **אור החיים הק'** אויסענווייניג מיטן לשון. לימים איז אריינגעקומען צו אים א יוד, און ער האט זיך מזכיר געווען אז ער האט נישט קיין קינדער. האט ער אים געזאגט, אויף דעם האב איך דאך א סגולה פונעם **אמרי יוסף**, אז עס איז דא א שטיקל **אור החיים הק'** וואס מען לערנט, און מען ווערט געהאלפן. און ער וויל אים זאגן וואו דער שטיקל **אור החיים הק'** איז, און ער האט פארגעסן דעם **אור החיים הק'**.

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** עס איז דא ביי אונז א יונגערמאן, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און ער פלעגט אלץ קומען צו מיר אז איך זאל לערנען מיט אים. און איינמאל זענען מיר אנגעקומען צו א שטיקל **אור החיים הק'** אין סוף ספר דברים, און איך האב געלערנט מיט אים, און עס איז מיר אריינגעפלויגן די מעשה אין קאפ אריין, האב איך אים דערציילט די מעשה. דער יונגערמאן האט שוין צוויי קינדער, און נאכדעם האב איך פארגעסן ווי דער **אור החיים הק'** איז. א אינטערעסאנטע זאך.

**רבינו:** דער **קאטמונ'ער רב** האט מיר געזאגט, אז זיין שווער דער **בראשוב'ער רב** האט אים געזאגט, איך לערן יעדע וואך **אור החיים הק'**, און איך גיי אדורך יעדן שטיקל און איך טראכט, איז דאס געווען דער שטיקל וואס איך האב געלערנט. איך האב דאך עס געקענט אויסענווייניג. איך בין אדורכגעגאנגען דעם גאנצן **אור החיים הק'**, און איך האב עס נישט געטראפן.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מספינקא י-ם:** דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, הרחיבי מקום אהלך, מה טובו אהליך, דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל אנקומען אלעס גוט און גרינג. עס זאל ארויסקומען שיינע פירות מיט שמחה און נחת.

**רבינו:** וכן למר. מען זאל קענען אי"ה מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת, עס זאל גרינג אנקומען, מתוך שמחה וטוב לבב, און קומען נאר אויף שמחות.

*

*אחר מעריב השתתף* **רבינו שליט"א** *אצל התנאים של בת הר"ר* **יהושע חיים גאלדבערגער** *הי"ו, עב"ג*

בן הר"ר **דוד בראך** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לאולם השני, שם התקיים השבע ברכות של בת הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים געשטעטנער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די תורה זאגט, אז יוסף הצדיק האט געזען די דורות פון זיינע קינדער און אייניקלעך. וירא יוסף לאפרים בני שלשים, יוסף האט געזען ביי אפרים דריי דורות. גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף (בראשית נ-כג), אויך די קינדער פון מכיר בן מנשה, זענען נתגדל געווארן אויף די שויס פון יוסף.

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, די גמרא (כתובות יז.) פארציילט, אז רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת, ווען מען האט זיך געפריידט ביי א שמחת חתן וכלה, פלעגט ער צוווארפען הדסים אין די לופט. און עס איז געווען אזא קונץ, אז איינס איז געווען אין איין האנט, און איינס איז געווען אין די צווייטע האנט, און איינס איז געווען אין די לופט, און מען האט אלץ אזוי געטוישט בשעת מען האט געווארפן די הדסים. דער **מהרש"א** שטעלט זיך, אז עס וואלט געדארפט שטיין די לשון הוה מרקד 'בתלת', ער האט געטאנצט מיט דריי הדסים, אתלת, איז דער טייטש אז ער האט געטאנצט אויף דריי.

**עס** קען אפשר זיין א געדאנק, א חתן כלה שטעלט אויף א נייע שטוב, וואס מען האפט, און מען איז מתפלל, אז דער אייבערשטער זאל געבען אי"ה, אז עס זאל זיין איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם. יעדע חתן און כלה ברענגען מיט זיך מיט הנהגות טובות ווי אזוי צו פירן זייער שטוב. דער חתן ברענגט מיט זיך מיט זיינע מעלות, זיין תורה און עבודה, ער איז געזעסן און געלערנט אין בית המדרש ביז יעצט, און ער האט זיך משלים געווען אין תורה און עבודה און גמילות חסדים, און ער ברענגט מיט זיינע מעלות אריין אינעם שטוב. די כלה איז אויך די זעלבע, זי ארבעט אויף אירע מדות, און זי איז אויסגעוואקסען א כלה חשובה וצנועה, און זי ברענגט אריין אין שטוב אירע מדות.

**עס** דארף אבער זיין א דריטע זאך אויך. מען דארף אויך אריינברענגען צו זיך אין שטוב, די שטוב פון די עלטערן. די קינדער דארפן שטרעבן צו גיין בדרכי אבות, צאו לך בעקבי הצאן (שיר א-ח), קוקען ווי אזוי די עלטערן האבן זיך געפירט, און יעדע דבר טוב וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן אין שטוב, דארף מען זעהן אריינצוברענגען ביי זיך אין שטוב, דעמאלטס ווייסט מען זיכער אז מען גייט אויפן ריכטיגען וועג. עס איז נישט גענוג די מעלות פון זיך, און עס איז נישט גענוג די מעלות פון די כלה, עס דארף אויך זיין א דריטע מעלה, די מעלות פון די אבות דארף מען אויך מיטברענגען צוזאמען, דעמאלטס קען מען אויפשטעלן א ערליכע שטוב.

**רב** שמואל בר רב יצחק הוה מרקד, רב שמואל בר רב יצחק האט זיך געפריידט, אתלת, אויף אזא שמחה וואו עס איז דא דריי. ווען עס איז נישט נאר דא די חתן מיט די כלה, און זיי גייען זיך זייער אייגענע וועג, ווי אזוי אויפצושטעלן די שטוב. נאר זיי נעמען אויך מיט, די וועגן פון די עלטערן. מיר גייען אויפשטעלן אזא שטוב וואס מיר האבן געזעהן ביי אונזערע עלטערן, דאס איז א ערליכע יודישע שטוב, וואס אויף דעם האט ער זיך געפרייט, און ער האט געהאט א שמחה פון אזא חתן און כלה.

**זאגט** דער פסוק, וירא יוסף לאפרים, יוסף האט געזעהן ביי אפרים, בני שלשים, ער האט געזעהן ביי זיי אזעלכע קינדער וואס זענען געווען משולש, זיי האבן מיטגעברענגט מיט זיך, נישט נאר די אייגענע מעשים פון זיך און פון די בני בית, נאר די גאנצע שטוב פון יוסף מיט יעקב, האבן זיי אריינגעברענגט צו זיך אינדערהיים. דאס איז א חשיבות, צו זעהן בני שלשים,

קינדער וואס ברענגען מיט די שטובער פון די עלטערן אריין צו זיך אין שטוב, דאס איז געווען ביי יוסף. און גם בני מכיר בן מנשה יולדו על ברכי יוסף, זיי זענען נישט אוועקגעגאנגען פון די שויס פון יוסף, וואס ביי יוסף איז גוט געווען, אזוי האבן זיי געפירט זייער שטוב שפעטער.

*

***יום חמישי פרשת ויחי***

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר מענדל מארטאן הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת ויחי***

אחר התפלה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם מאיר פאגעל** ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת ויחי***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל ארי' דבי עילאי זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"ז טבת). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א.**

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **חנני' דוב פאפלאנאש** הי"ו, חתן הר"ר **יצחק וויס** הי"ו. בסיום אמירת הדברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברי מוסר לקראת ימי השובבי"ם הבעל"ט.

***וזה תוכן הדברים:***

**מען גייט יעצט אריין אין די ימי השובבי"ם, טעג וואס איז א עקסטערע סגולה, אז מען זאל זיך קענען צוריקקערן צום אייבערשטען. און א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון הנפש,** די נסיונות היינט אין דעם ענין זענען זייער גרויס, מען דארף נישט מאריך זיין, יעדער ווייסט בעסער וואס עס טוט זיך היינט אין די גאסן, און אין די שטובער, און אין די טאשן, עס איז נישט קיין נפקא מינה, איבעראל קומט עס היינט אן, און עס איז זייער גרינג אז מען זאל קענען נכשל ווערן. נפשו של אדם מחמדתן (מכות כג:), און מען פאלט אדורך.

**אבער** מכסה פשעיו לא יצליח (משלי כח-יג), אז מען זוכט צו באהאלטן, פון דעם וועט מען נישט מצליח זיין. **ער וויל אז קיינער זאל נישט וויסן, אינדרויסן האט ער אזא טעלעפאון, אין שטוב האט ער א צווייטע טעלעפאון, און אין די טאש האט ער א אנדערע זאך, ער וועט ארויפלייגן א סטיקע"ר דערויף, וכדומה, די אלע זאכן איז זייער גוט צו פארדעקן פאר יעדן איינעם, אבער פון דעם וועט ער אין ערגעץ נישט אנקומען. מודה ועוזב ירוחם, א מענטש דארף מודה זיין, איך בין באגאנגען א עוולה, און איך האב זיך פארענטפערט פארוואס איך דארף עס האבן, אבער עס איז נישט אמת. איך דארף עס נישט, איך קען זיך באגיין אנדעס, איך גיי פון היינט אן פירן א ערליכע שטוב.** עס טוט מיר וויי דער ריחוק וואס דאס האט מיר צוגעברענגט. יעדער איינער ווייסט אז מען ווערט נכשל דערין, ער לייגט עס נאר ארויף אויף א צווייטען, פאר אים איז עס נישט נוגע, ער באנוצט עס נישט אויף קיין שום זאך, ער ווערט נישט נכשל. מיר זענען קיינער נישט קיין מלאכים, מיר זענען פשוטע מענטשען, מיר ווערן אלע נכשל. אויף א קלייניגקייט, אויף איין שטיקעלע יצר הרע האט מען נישט דעם כח אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין. די עצה דערויף איז נאר, וואס א יוד טוט זיך מאכן גדרים וסייגים, ער דארף זעהן אוועקצוגיין פון יעדע זאך וואס קען צוברענגען צו א דבר עבירה.

**תשובה** הייבט זיך אן מיט סור מרע, און נאכדעם ועשה טוב (תהלים לד-טו). סור מרע איז דער טייטש, **א מענטש דארף זיך מתבונן זיין, איך וויל תשובה טון, איך וויל זיך צוריקקערן, איך הייב אן צו גיין אויפן גוטן וועג, איך הייב אן זיך צו מאכן גדרים וסייגים. אפילו א מענטש שפירט נישט, אז ער קען מאכן גדרים וסייגים אויף שטענדיג, אבער הייב אן און מאך א גדר און א סייג אויף די זעקס וואכן פון שובבי"ם. די זעקס וואכן וועט זיין ביי**

**מיר אנדערש, פון א אנדערע מאל.** יעדער איינער ווייסט ביי זיך אליין אויף וואס ער דארף האבן א גדר, און וואס ער קען אדוכפירן און וואס ער קען נישט, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו (ע"ז ג.). פאר זיך אליין מאכן זיך געוויסע גדרים, הייב אן, די וואך וועט זיין ביי מיר אנדערש פון אלע טעג פון יעצט. דאס איז סור מרע, און נאכדעם איז הבא לטהר מסייעין אותו, גיט אים דער אייבערשטער די כוחות אז ער זאל קענען ווייטער אנגיין. דאס איז דער חלק פון סור מרע.

**ועשה** טוב, מרבה זיין אין אמירת תהלים. ווען מיר זענען געווען קינדער, די ערשטע דור אין אמעריקא, זענען געווען בעלי בתים וואס זענען געווען אסאך שוואכער אין תורה ווי מען איז היינט. רוב פון די בעלי בתים האבן כמעט זייער ווייניג געקענט לערנען. מען איז אדורכגעגאנגען די יארן פון די קריג וואס מען האט זיי צוגענומען די שענסטע יארן זייערע, וואס זיי האבן נישט געקענט עוסק זיין בתורה. מען האט פארלוירן די עלטערן, און מען איז אנגעקומען אהער בעירום ובחוסר כל. **ווען עס איז געקומען די וואכן פון שובבי"ם, איז יעדן ליל שישי, פרייטאג פארטאגס, פיר דרייסיג, געווען ביי אונז אין בית המדרש א מנין צו זאגן תהלים, און מען האט געזאגט תהלים ביז זעקס דרייסיג. עס איז נישט געווען א ליידיג בענקל אין בית המדרש, אז מען זאל זיך קענען אראפזעצן. מען האט אויסגעזאגט תהלים מיט א השתפכות הנפש, יעדער איינער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ. די זעקס וואכן וואס איז געווען שובבי"ם האט מען מרבה געווען אין אמירת תהלים,** מכסה פשעיו לא יצליח, ומודה ועוזב ירוחם, ווען א מענטש בעהט, און ער איז מתפלל צום אייבערשטען, גיט דער אייבערשטער נאכדעם די כוחות דערצו, אז מען זאל קענען אלעס מתקן זיין, און דער אייבערשטער איז מקבל בתשובה. עשה טוב, מרבה צו זיין אין תורה און עבודה איז דאך אפגערעדט, אבער מען דארף אויך מרבה זיין אין אמירת תהלים. **עס איז נישט א נפקא מינה וויפיל מען זאגט, צו מען זאגט אסאך צו מען זאגט ווייניג, אחד המרבה ואחד הממעיט, ובלבד שיכוון לבו, וואס דו זאגסט זיי דערביי, זיי מכוון. די שטיקל צייט וואס דו נעמסט אויף דיר צו זאגן תהלים, ליג אין אמירת תהלים, און זיי מתפלל צום אייבערשטען.**

**ווען** מיר וועלן אנהייבן מיטן סור מרע, מאכן זיך גדרים וסייגים, און עשה טוב, מרבה זיין אין אמירת תהלים, הן אל כביר לא ימאס, דער אייבערשטער איז נישט ממאס קיין שום תפלה וואס קומט ארויף צו אים, וועלן מיר זוכה זיין אז מען וועט קענען מתקן זיין אונזערע מעשים. דער באשעפער זאל געבן אז מיר זאלן זיך קענען מקדש און מטהר זיין, אויסנוצן די טעג וואס האבן אין זיך א סגולה נאנט צו ווערן צום אייבערשטען, נישט לאזן עס אדורכגיין ליידיג. ער זאל פילן ביי זיך, אז איך האב געטון וואס עס איז געווען בידי צו טון. וויפיל איך קען, אין וואס פאר א מדריגה איך בין, וועל איך פראבירן עפעס צוצוגעבן. **יעדער איינער זאל וויסן ביי זיך וואס גיי איך זיין אנדערש די וואך, פון וואס עס איז געווען ביי מיר פריער.** זיך נעמען עפעס א דבר טוב וואס איז נוגע פאר מיר, וואס איז נוגע פאר די בני בית, אפילו עס איז א קלייניגקייט, אבער מען דארף אנהייבן מיט עפעס, מאכן זיך גדרים וסייגים אויף וואס מען קען.

**דער** אייבערשטער זאל אננעמען אונזערע הערצער, גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, אבל מי מעכב שאור שבעיסה ושיעבוד גליות (ברכות יז.). מען לעבט צווישן גוים, עס איז שווער, די כח היצר ברענגט צו דערצו אז מען טוט זאכן וואס מען איז נישט דערביי, מען האט נישט געוואלט אזוי אויסזעהן, זאל דער באשעפער געבן אז מען זאל קענען מתקן זיין אונזערע מעשים, און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר אלע זאלן זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוחנן אליעזר** כ"ץ הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.